בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

פָּרָשַׁת חֻקַּת חֵלֶק א

תשע"ח

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:


**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359


**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**אז מען לערנט תורה קען מען זיין פריילך; אין בעפארגרייטונג צום זוממער דארף מען זיך שטארקן אין שמירת עיניים; די איינציגסטע געווער קעגן דעם יצר הרע איז די הייליגע תורה; מתפלל זיין פאר א פלאץ פאר די סקול.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת נשא, ח׳ סיון, אסרו חג, שנת תשע״ח לפרט קטן **לכבוד ... נרו יאיר**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר ווייסן פון רבי׳ן; עס איז אן אנדערער יום טוב ווען מען איז מקורב צום צדיק, מען שפירט א טעם אינעם יום טוב.

אין ישיבה איז געווען זייער שיין יום טוב; מען האט געשפירט ווי דער רבי איז מיט אונז, ווי ר׳ נתן און מוהרא״ש זענען דא. אלע זענען געווען זייער פריילך; ווייל אז מען לערנט א גאנץ יאר אויפן סדר דרך הלימוד האט מען א שייכות מיט די הייליגע תורה. די טעג זענען אנגעפילט מיט תורה, יעדן טאג איז אויסגענוצט אזוי ווי עס דארף צו זיין.

מיר גייען שוין אריין אין די זוממער טעג, דארפן מיר האבן רחמי שמים מיר זאלן נישט ארапפאלן אין שמירת עיניים, ווייל אז מען היט זיך נישט די אויגן פארלירט מען אלעס.

צדיקים האבן געטייטשט דעם פסוק (בראשית לח, כא): ״אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ״, א מענטש פרעגט: ״אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה?״ ווי אזוי קען מען זוכה זיין צו קדושה, צו זיין הייליג? ענטפערט מען אים: ״הִוא בָעֵינַיִם עַל הַדָּרֶךְ״ - אז דו וועסט זיך היטן די אויגן וועסטו זוכה זיין צו אלע קדושות; אז מען היט זיך די אויגן איז מען זוכה צו זיין ריין פון עבירות, אלעס גייט אנדערש ווען מען היט זיך די אויגן.

ווי אזוי קענען מיר זיך קריגן מיטן יצר הרע? נאר מיט די הייליגע תורה! בפרט גמרא, וואס דאס פארברענט דעם יצר הרע, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן ריד): ״תַּלְמוּד״ גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִיפָּה הַמַּחְטִאַת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת ״לִילִית״, ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער די קליפה וואסווארפט אראפ א מענטש אין פגם הברית; מאך זיך א שיעור אין גמרא, אפילו דו פארשטייסט נישט די גמרא, דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די גמרא, דאס וועט דיר העלפן זיך קריגן מיט די נסיונות וואס דער יצר הרע שטעלט אונז אונטער און וויל אונז אראפ ווארפן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין ל.): ״בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין״, דער אייבערשטער זאגט: איך האב באשאפן דעם יצר הרע, אבער איך האב א רפואה פארן יצר הרע, דאס איז די הייליגע תורה וואס איז א מעדיצין קעגן אים, ״אִם אַתֶּם

עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אויב לערנט איר תורה וועט איר נישט זיין אונטער די הענט פונעם יצר הרע, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה, אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אבער אויב לערנט מען נישט קיין תורה איז מען אונטער אים.

די שטאט האט אונז פארמאכט א חלק פונעם סקול, זיי מתפלל פאר מיר אז מיר זאלן טרעפן א פלאץ פאר די מיידלעך.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~

**יעדער איינער מוטשעט זיך בזה העולם; מען דארף אריינלייגן די מוטשעניש אין גוטע זאכן וואס בלייבן לעולמי עד ולנצח נצחים - אין די תורה; זיך האלטן שטארק אין היכל הקודש וואו מען לערנט אויס ווי אזוי צו לעבן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

יעדער איינער מוטשעט זיך בזה העולם, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קיט): יעדער איינער ליידט יסורים, עס איז נישט דא קיין מענטש וואס זאל נישט האבן קיין יסורים און אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פול מיט יסורים, אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, דאס לעבן פון א מענטש איז ווייניג און פול מיט ווייטאג, אזוי אויך זאגט שלמה המלך (קהלת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דאס גאנצע לעבן איז פול מיט כעס און ווייטאג; עס איז נישט דא קיין שום עצה וואו צו אנטלויפן נאר צום אייבערשטן און צו די תורה.

דער רבי זאגט דארט א מורא'דיגע זאך, אז מען דארף נעמען דעם 'עמל' וואס עס שטייט 'אָדָם לְעָמָל יוּלָּד' און עס אריין לייגן אין די תורה 'אַשְׁרֵי מִי שֶׁעֲמָלוֹ בַּתּוֹרָה'; אז מען לייגט אריין די פלאג אין גוטע זאכן בלייבט עפעס איבער פונעם מענטש, אבער אז מען פלאגט זיך פאר סתם זאכן ווערט מען פשוט פארשווארצט.

נאך זאגט דער רבי (שם): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם, כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם כִּי כֻּלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", אפשר איז דא אויבן אין הימל א וועלט וואס הייסט 'עולם הזה', ווייל דא איז נישט דא קיין עולם הזה, דא איז דער גיהנום אליין, ווייל יעדער איז פול מיט יסורים.
~~~~~~~~~~

דערפאר בעט איך דיר זייער, נעם א משניות, א גמרא און כאפ אריין פרקים משניות און דפים גמרא, נאר דאס וועט איבער בלייבן פון אונז.

איך האף אז דו ליינסט דעם בריוו וואס איך שרייב דיר יעדן טאג; עס קומט מיר נישט אן גרינג, איך בין זייער פארנומען, אבער איך שטרענג מיר אן דיר צו שרייבן ווייל איך וויל דיר מחזק זיין.

איין זאך קען איך דיר זאגן: "ווען איך זאל האבן נאך די חתונה איינער וואס זאל מיר מדריך זיין וואס א ווייב איז און וואס קינדער זענען, ווי אזוי צו רעדן צו א ווייב, צו א שווער און שוויגער וואלט איך זיך מחי' געווען און איך וואלט אים נישט אפגעלאזט, זאל זיין וואס זאל זיין".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**וואס טוט מען מיט א שווערע פרוי?**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

זיי מיר מוחל אז איך האב דיר אוועק געשיקט נעכטן וכו'; איך האב געהאט זייער א שווערע טאג. אנגעהויבן פאריגע וואך דאנערשטאג האט די שטאט פארמאכט א חלק פונעם סקול, די אויבערשטע שטאק האט נישט קיין סי-או, ממילא לאזן זיי דאס נישט נוצן פאר קינדער וכו', אזוי אז מיר זענען יעצט פארנומען צו זוכן א פלאץ פאר די קינדער. בנוסף צו דעם איז געווען כמעט א שריפה ביי די עליוועטער; די ווייער האבן אנגעהויבן ברענען, עס האט אנגעהויבן קומען רויך און די פייער לעשער זענען געקומען און מיר האבן געדארפט ארויס טראגן אלע קינדער, אין אזא צייט דארפסטו אליינס פארשטיין אז עס איז נישט קיין צייט צו רעדן.

עס איז נישט גרינג צו פירן א מוסד, אבער אז מען קוקט אויף די אנדערע זייט וואס מען טוט אויף - לוינט זיך אלע שוועריקייטן אבי מחנך צו זיין קינדער מיט אמונה אינעם אייבערשטן.

איך זאג דיר נאכאמאל: "זיך גט'ן איז נישט קיין עצה"; בפרט אז דו האסט טייערע קינדער, ווי אזוי קענסטו דאס טון פאר זיי?! אז דו זאלסט נעמען א ביקס און זיי שיסן חס ושלום וועט זיי נישט זיין אזוי שלעכט ווי אויב דו גייסט זיך גט'ן.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן וואס קינדער גייען אריבער ווען עלטערן גט'ן זיך; די ערגסטע זאך וואס עלטערן קענען טון פאר זייערע קינדער איז זיך גט'ן השם ישמרינו.
~~~~~~~~~~

די ניגון וואס דו זינגסט אז זי איז א שווערע פרוי וכו׳; דאס איז די לעבן, אז מען האט נישט קיין געדולד קען זיך יעדע מענטש גט׳ן כאטשיג צען מאל א טאג. זיי נישט נאריש זיך אפצורעדן כאילו דו האסט א שווערע פרוי, מען דארף זיך בלויז אביסל איינבייגן די גאוה, דורכדעם ווערט אלעס גוט; הלואי זאלסטו אויסהערן וואס איך זאג דיר.

דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף דיר.

...

~~~~~~~~~~~

**עס איז נישט דא גרעסערס פון הפצה; א מפיץ איז בכח צו מבטל זיין שווערע גזירות; זיך אויפפרישן צו גיין הפצה - ראטעווען אידישע קינדער.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת נשא, י׳ סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך בעט דיר זייער זאלסט עוסק זיין אין הפצה; עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ביים אייבערשטן ווי א מענטש וואס ברענגט צוריק מענטשן צו זיין ערליך.

עס שטייט אין זוהר הקדוש (תרומה קכ״ח:) ״תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא״, קום און זע, זאגט דער הייליגער זוהר: א מענטש וואס ברענגט צוריק זינדיגע מענטשן צום אייבערשטן, ״אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא, גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא״, דער מענטש איז זוכה ארויף צו גיין אויף אזא הויכע פלאץ וואס קיין שום אנדערע מענטש איז נישט זוכה צו דעם; דער מענטש נעמט אוועק טומאה פון די וועלט און ער מאכט אז דער אייבערשטער׳ס נאמען זאל ווערן געהייליגט אויף דער וועלט, און דער מענטש איז גורם אז אלע וועלטן שטייען אויף זיין זכות. ״וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי״, ער איז זוכה צו זען קינדער און אייניקלעך, ״וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי״, און ער איז זוכה צו אלע גוטע זאכן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, ״כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי״, קיינער קען אים נישט שלעכט׳ס טון, נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט, ״עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ״, ער גייט אריין אין דרייצן טויערן פון שערי רחמים און קיינער קען אים נישט צוריק האלטן.

מוהרא״ש זכרונו לברכה האט מיר כמה פעמים געזאגט: ״אויב איז דא א צדיק אין אונזער דור איז עס ... נרו יאיר״, וואס ער איז זיך מוסר נפש צו גיין הפצה שוין צענדליגער יארן - בייטאג און ביינאכט - אן קיין אפשטעל; מוהרא״ש האט מיר
~~~~~~~~~~~

געוואלט ווייזן מיט דעם וואס הייסט הפצה, אז א צדיק איז דער וואס איז זיך מוסר נפש פאר א צווייטן איד, ער קוקט נישט אויף קיינעם, ער קוקט נאר אויפן אייבערשטן, ער וויל אז נאך א איד זאל וויסן אז עס איז דא א באשעפער.

דאס גייט ארויף אויף יעדן מפיץ; א אינגערמאן וואס איז זיך מבזה פאר כבוד שמים, ער קוקט נישט אויף זיין כבוד, ער גייט ארום אין די גאסן, אין הייזער און אין שטובער טיילן ספרים און קונטרסים, אזא איינער איז א צדיק און פון אזא איינעם איז כדאי צו נעמען א ברכה, ווייל זיינע ברכות ווערן מקוים, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא פה.) אויפן פסוק (ירמיהו טו, יט): "וְאִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל - כְּפִי תִהְיֶה", ווען א מענטש ברענגט צוריק מענטשן צום אייבערשטן - "אֲפִילּוּ הַקָּבָּ"ה גּוֹזֵר גְּזֵירָה, מְבַטְּלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", אפילו דער אייבערשטער אליינס מאכט א גזירה, איז ער עס מבטל צוליב דעם מענטש וואס ברענגט צוריק אידישע קינדער צום אייבערשטן.

נעם א זעקל ספרים און קונטרסים און גיי פארפלייץ דאס; גיי ראטעווען אידישע קינדער, וועט דער אייבערשטער דיר ראטעווען פון אלעם שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

## זיך גט'ן איז נישט די עצה

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת נשא, י' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך זאג אייך נאכאמאל: "גט'ן איז נישט די עצה!" אז איר וועט נעמען א ביקס און שיסן אייערע קינדער וועט איר זיי נישט אזוי שלעכטס טון ווי אויב איר וועט זיך גט'ן.

עס איז זייער גרינג צו וויינען און שרייען וכו' און זיך מאכן פאר א רחמנות, אבער באמת פארשטיי איך אייער מאן פארוואס ער וויל נישט אהיים קומען וכו'; איר זענט זיך אליין שולדיג, איר פירט זיך נישט אויף ווי א ווייב דארף זיך אויפפירן. קיין איין מאן דארף נישט א פרוי א קריטיקירער; מיט דעם וואס איר שאפט אויף אים מאכט איר אז ער זאל פאלן וואו ער פאלט רחמנא לצלן, ער באקומט נישט אין שטוב וואס א מאן דארף וכו', גייט ער זוכן עבירות רחמנא לצלן.
~~~~~~~~~~

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ירושלמי סנהדרין כח:): ר׳ לוי האט גע׳דרש׳נט זעקס חדשים דעם פסוק (מלכים-א כא, כה): ״רַק לֹא הָיָה כְאַחְאָב אֲשֶׁר הִתְמַכֵּר לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי ה׳״, עס איז נישט געווען אזא רשע ווי אחאב וואס האט געטון אזוי פיל שלעכטס אנטקעגן דעם אייבערשטן, ״אֲתָא לְגַבֵּי בְּלֵילְיָא אֲמַר לֵיהּ מַה חָטִית לָךְ וּמַה סְרָחִית קֳדָמָךְ״, איז אחאב אים געקומען אין חלום און געפרעגט: וואס ווילסטו פון מיר און וואס האסטו קעגן מיר אז דו דרש׳נסט נאר די ערשטע חלק פונעם פסוק, ״אִית לָךְ רֵישֵׁיהּ דִּפְסִיקָא, וְלֵית לָךְ סוֹפֵיהּ, אֲשֶׁר הֵסַתָּה אֹתוֹ אִיזֶבֶל אִשְׁתּוֹ״, קוק וואס שטייט אינעם סוף פונעם פסוק, אז מיין ווייב האט מיר אנגעהעצט צו טון עבירות, זיי מיר דן לכף זכות אז איך האב געהעאט א שלעכטע ווייב! ״עֲבַד דָּרַשׁ לֵיהּ שִׁיתָּא יַרְחִין לִשְׁבָח רַק לֹא הָיָה כְאַחְאָב אֲשֶׁר הֵסַתָּה אֹתוֹ אִיזֶבֶל אִשְׁתּוֹ״, האט ר׳ לוי גע׳דרש׳נט נאך זעקס חדשים לשבח אויף אחאב און אים דן געווען לכף זכות.

פון דא זעט מען אז אפילו אחאב וואס ער איז פון די (סנהדרין צ.): ״שְׁלֹשָׁה מְלָכִים וְאַרְבָּעָה הֶדְיוֹטוֹת שֶׁאֵין לָהֶם חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא״, איז דאס ווייל ער האט געהאט א ווייב וואס האט אים חרוב געמאכט.

זעט מען פון דעם די כח וואס א פרוי האט; אז איר ווערט זיך טוישן דעמאלט קענט איר ערווארטן אז ער ווערט זיך טוישן, אבער אז איר ווילט בלייבן ווי אזוי איר זענט זאג איך אייך שוין אז איר ווערט ליידן אייער גאנץ לעבן.

זייטס נישט ברוגז ווי אזוי איך שרייב אייך, איך וויל נאר ראטעווען אייער שלום בית און ראטעווען אייערע קינדער.

אפשר איז כדאי איר זאלט רעדן מיט אן ערליכע פרוי זי זאל אייך מסביר זיין ווי אזוי מען רעדט צו א מאן, ווייל די וועג ווי אזוי איר פירט זיך אויף צו אייער מאן איז נישט אידיש.

...

~~~~~~~~~~~

### ארויסהעלפן אין די מוסדות

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נשא, י״א סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין פדיון נפש פאר דעם בנין אין אומאן; דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל נמתק ווערן פון דיר אלע דינים על ידי פלא עליון, זאלסט מיר מבשר זיין בקרוב גוטע בשורות.
~~~~~~~~~~~

איך וויל דיר בעטן א טובה; דער שליח חב״ד פון ... הרה״ג ר׳ ... שליט״א האט מיר געפרעגט צו מיר קענען נוצן בעטן, מאטראצן, טישן און בענקלעך, וכדומה, פאר די ישיבה אדער פארן קעמפ. ער האט געהאט א ישיבה, אבער יעצט איז עס פארמאכט, וויל ער מנדב זיין אלע חפיצים וואס איז אים געבליבן - פאר אונזער ישיבה. אויב דו קענסט שאפן א וועג עס צו ברענגען פון ... קיין ניו יארק, רעכן אויס אויב עס לוינט זיך צו דינגען א טראק וכו׳, אויב יא פארבינד זיך מיט אים.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דיין זכות וואס דו האסט מיטן העלפן די מוסדות און העלפן פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ׳ס עצות פאר נאך מענטשן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ז:): ״גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ״; ווער רעדט נאך פון משמש זיין דעם הייליגן רבי׳ן. דאס דארף זיין אונזער גאנצע חיות, אז מיר קענען נאך א טאג זיין א שמש פארן רבי׳ן.

געב איבער פאר דיין ווייב א גרויסן דאנק פאר אלעס וואס זי העלפט די מוסד.

...

~~~~~~~~~~

## אכטונג געבן אויף די מיידלעך

בעזרת ה׳ יתברך - ערב שבת קודש פרשת נשא, י״א סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואויל איז דיר אז דו געבסט אכטונג אויף דיינע קינדער זיי זאלן זיך פירן מיט יראת שמים - ובפרט אויף דיינע טעכטער. מיידלעך דארפן מער שמירה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (במדבר רבה יא, סימן ה): ״וְיִשְׁמְרֶךָ בְּבָנוֹת״, א מיידל דארף מער שמירה ווי א אינגל; בפרט היינטיגע טעג וואס עס איז דא אסאך פריצות, דארף מען אכטונג געבן אויף די קינדער פון ווען זיי זענען נאך גאר קליין אז זיי זאלן זיך פירן מיט צניעות.

איך וועל פרובירן צו ענטפערן אויף דיינע פראגעס:

א) בנוגע צי א מיידל מעג פארן מיט א בייק (טו-ווילער); עס איז נישט קיין צניעות פאר א גרויסע מיידל צו פארן מיט א טו-ווילער און אויך נישט מיט קיין ראלער-בלעידס; ווי יונגער מען געוואוינט זיי צו זיך צו שפילן מיט די סארטן שפילרייען וואס געהערן צו זיי, אלץ וויניגער קאפ וויי וועט מען האבן שפעטער וד״ל.

פארשטייט זיך אז מען קען נישט מחנך זיין מיט שרייען און שלאגן וכו׳, דאס מאכט נאר ערגער, דאס מאכט אז קינדער זאלן אנטלויפן פון שטוב השם ירחם; מען
~~~~~~~~~~

דארף שיין רעדן, נאכאמאל און נאכאמאל ביז די ווערטער גייען אריין אין הארץ.

דאס איז פשוט אז נאר ווען טאטע און מאמע זענען איינשטימיג איבער א נושא קען מען דאס פועל'ן, אבער אז דער טאטע זאגט יא און די מאמע זאגט ניין, אדער פארקערט - די טאטע זאגט ניין און די מאמע זאגט מען מעג יא, דעמאלט קען מען נישט פועל'ן ווייל די קינדער ווערן צעמישט.

דערפאר איז זייער וויכטיג אז עלטערן זאלן האבן א דעת תורה וועם זיי פרעגן זייערע ספיקות ווי אזוי מחנך צו זיין די קינדער, ווייל עס איז דא כסדר שאלות בפרט ביי חינוך הבנים והבנות צי מען מעג דאס צי מען מעג יענץ; אזוי וועלן ביידע זיין מיטן זעלבע דעה, דעמאלט וועלן זיי קענען מצליח זיין מיט די קינדער.

ב) בנוגע אנטון פאר קינדער טייערע קליידער וכו'; עס איז זיכער בעסער זיי אנצוטון מיט נישט קיין טייערע קליידער. אפילו מען באקומט דאס פון א צווייטן בחנם איז אויך נישט כדי זיי צו צוגעוווינען צו גיין אנגעטון מיט טייערע קליידער.

ג) בנוגע דיין טאכטער וואס שפילט זיך מיטן שכנ'ס אינגל וכו'; דאס דארפסטו טון מיט גרויס חכמה, דו דארפסט איר שיין מסביר זיין אז זי זאל זיך שפילן מיט מיידלעך, ווייל מיידלעך שפילן מיט מיידלעך, און אינגלעך שפילן מיט אינגלעך. זאג איר: "יעצט ביסטו שוין א גרויסע מיידל זאלסטו שפילן מיט די מיידלעך, נאר קליינע קינדער שפילן זיך אינגלעך און מיידלעך, דו ביסט שוין גרויס וכו'".

שמועס דיך דורך מיט דיין ווייב תחי' ווי אזוי איר זאלט זיך באגיין מיט דעם; איין זאך בעט איך דיר: "טו עס נישט ווילד"; געדענק וואס דער רבי האט געזאגט (סיפורי מעשיות, מעשה א) ווען דער שני למלכות איז אנגעקומען צום שטאט וואו די בת מלך איז געווען, זאגט דער רבי: "ער איז געגאנגען צו א גביר וכו', ווייל מען דארף זיך דארטן פארזוימען, ווייל מען מוז זען מיט חכמה און שכל מען זאל איר ארויס נעמען (ווי אזוי ער האט איר ארויס גענומען האט דער רבי נישט דערציילט) אבער צום סוף האט ער איר ארויס גענומען, אמן סלה".

טייערער ברודער, וויסן זאלסטו אז אן תפילה נוצט נישט גארנישט; מען קען וויסן אלע עצות און אלע חכמות, אבער אן תפילה, אן דעם אייבערשטן - קען מען גארנישט טון. מען דארף אסאך דאווענען צום אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו האבן ערליכע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

מוהרא"ש האט דערציילט אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו און אים געבעטן א ברכה אויף גוטע קינדער, האט דער חפץ חיים זי"ע

געגומען א תהילים וואס איז געווען אויפגעבלאזן פון נאסקייט און דאס געוויזן פאר דעם איד, זאגנדיג: "דאס איז דער תהלים פון מיין מאמע עליה השלום, וואו זי פלעגט יעדן טאג וויינען אז זי זאל האבן גוטע קינדער; אזוי איז מען זוכה צו גוטע קינדער".

דערפאר זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זוכה זיין צו ערליכע קינדער, געזונטע קינדער און קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי צו קויפן מתנות פאר קינדער**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נשא, י"א סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך פריי זיך זייער צו הערן אז איר זענט זיך מחזק מיטן הייליגן רבינ'ס עצות און איך האב הנאה צו הערן אז די פרויען צוזאמקום בלאזט אריין אין אייך א פרישע חיות אנצוגיין ווייטער מיט די ווירטשאפט פון א אידישע מאמע; דער רבי האט דיבורים און התחזקות אויפצולעבן יעדן איינעם.

בנוגע צי עס איז גוט צו קויפן א קעמרע פאר א מיידל; עס איז נישט קיין פראבלעם אז א מיידל זאל האבן א קעמרע, נאר וואס יא, יעדע איבעריגע זאך וואס מען וויל געבן פאר א קינד דארף דער קינד דאס פארדינען און מען דארף דאס אויסנוצן צו העלפן דעם קינד אויסארבעטן זיינע שלעכטע מידות.

יעדער איינער ווערט געבוירן מיט מידות וואס מען דארף אויסארבעטן און די צייט אויסצוארבעטן די מידות איז ווען מען איז יונג, אזוי ווי דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו זאגט (צעטל קטן, סימן טז): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא, רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע", א מענטש איז באשאפן געווארן ער זאל זיך אויסארבעטן זיינע מידות, און ער זאגט (שם) אז דאס איז גרינגער צו טון ווען מען איז יונג.

עלטערן דארפן העלפן זייערע קינדער זיך אויסארבעטן זייערע שלעכטע מידות און איינע פון די וועגן צו העלפן א קינד אויסארבעטן די נישט גוטע מידות, איז דורך באלוינען; למשל אז דער קינד דארף א געוויסע זאך וואס איז נישט א זאך וואס מען מוז האבן, קען מען אים העלפן אויסארבעטן א געוויסע מידה און נאך א שטיק צייט וואס מען זעט ווי דער קינד פרובירט זיך צו שטארקן אויף דער מידה געבט מען אים די פארדינטע מתנה.
~~~~~~~~~~

דער עיקר דארף מען האבן תפילה; אז איר ווילט זוכה זיין צו ערליכע דורות זאלט איר בעטן יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף ערליכע דורות, בפרט ווען איר צינדט אן די שבת ליכט דעמאלט איז א גרויסע עת רצון צו פועל'ן גרויסע ישועות, דאן זאלט איר בעטן דעם אייבערשטן אויף גוטע קינדער. איך שרייב אייך דא א קליינע תפילה וואס איר זאלט בעטן בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט, אדער אין סיי וואסערע געלעגנהייט:

"רבונו של עולם! איך דאנק דיר פאר מיין שיינע לעבן וואס דו האסט מיר געגעבן, פאר מיין מאן און קינדער - פאר יעדן איינעם באזונדער; איך בעט דיר טאטע זיסער, געב מיר ערליכע קינדער, קינדער וואס וועלן לערנען די הייליגע תורה, קינדער וואס וועלן נאר גיין אין די וועגן פון די תורה. די אינגלעך זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים יִרְאֵי אֱלֹקִים, און די מיידלעך זאלן אויסוואקסן ערליכע צניעות'דיגע פרויען וואס וועלן אויך אויפשטעלן הייליגע דורות.

הייליגער באשעפער! מיין גאנצע לעבן איז נאר צו טון דיין ווילן, מיין גאנצע שטרעבן איז נאר צו ערציען א דור פון קינדער, אייניקלעך און אור-אייניקלעך וואס וועלן זיין ערליכע אידן מאמינים בה'; זיי וועלן גיין אין די וועגן פון די תורה און זיין דבוק צו דיר און צו די צדיקים. העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו דעם, העלף מיר איך זאל האבן נחת פון זיי; זיי זאלן אלע חתונה האבן אינגערהייט און זיי זאלן אלע האבן א שיין לעבן.

אייבערשטער איך דארף גארנישט אין מיין לעבן - נאר ערליכע קינדער; איך געב אלעס אוועק אבי מיינע קינדער זאלן זיין ערליכע אידן.

הייליגער באשעפער, העלף מיין מאן ער זאל קענען ברענגען גרינג פרנסה, מיר זאלן זיך נישט דארפן מוטשען. געב אונז שפע, געב אונז שכל מיר זאלן איינעם דעם צווייטן מכבד זיין.

העלף מיר בזכות אלע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיין כבוד וועגן, בפרט רבינו נחמן בן פיגא און רבינו אליעזר שלמה בן מנחם זאב זכותם יגן עלינו.

רבונו של עולם, אזוי ווי איך צינד יעצט אן די שבת ליכט, מאך מיר ליכטיג און מאך ליכטיג פאר אלע אידישע קינדער; אלע זאלן וויסן פון דיר, אלע זאלן וויסן פון הייליגן רבי'ן.

הייליגער באשעפער העלף מיר, בזכות דעם וואס איך גיב נאך און איך קריג מיך נישט זאלסטו מיר אויך נאך געבן און אויסהערן מיינע תפילות".

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## אויף וועלכע מדה זאל איך קודם ארבעטן?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל אנהויבן צו ארבעטן אויף מיר, אויף שמירת עינים, שמירת הברית, און אויף שמירת הדיבור. איך שפיר אז איך וועל נישט קענען טון אלעס אויף איין מאל, וויל איך וויסן מיט וואס איך זאל קודם אנהויבן.

א גרויסן יישר כח.

יוסף

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד יוסף נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

שמירת עיניים, שמירת הברית און שמירת הדיבור זענען נישט דריי באזונדערע זאכן נאר דאס אלעס איז שמירת הברית; זיך היטן די אויגן און זיך היטן פון רעדן ניבול פה - דאס אלעס איז שמירת הברית, איינס ברענגט דאס צווייטע; אז מען היט זיך נישט די אויגן פאלט מען נאכדעם אראפ אין פגם הברית רחמנא לצלן און נאכדעם רעדט מען ניבול פה. אז דו ווילסט אנהייבן לעבן אן ערליכע לעבן גייט דאס אלעס צוזאמען; דער יסוד פון אן ערליכער לעבן איז שמירת הברית, און מען קען נישט זיין אפגעהיטן בקדושת הברית נאר אז מען האט הייליגע אויגן און א ריינע מויל.

זאג נישט אז דו קענסט נישט טון אלעס אויף איין מאל, ווייל א מענטש האט שטענדיג א בחירה אפילו ווען עס קוקט אים אויס אז ער קען זיך נישט אפטיילן פון זיינע שלעכטע מעשים. א איד איז אמאל געקומען צום רבי'ן פרעגן ווי אזוי עס קען זיין אז א מענטש האט א בחירה; אויב מען איז צוגעקלעבט צו שלעכטע מעשים ווי איז שייך צו זאגן פארן מענטש: "דו האסט א בחירה"? עס איז דאך אוממעגליך זיך אפצושיידן פון א געוואוינהייט וואס מען האט זיך צוגעוואוינט צו טון! האט אים דער רבי געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן קי): "עס איז זייער פשוט צו פארשטיין דער ענין פון בחירה; אויב מען וויל טוט מען עס, און אז מען וויל נישט טוט מען נישט"; שרייבט ר' נתן (שם): "איך האב מיר פארצייכנט וואס דער רבי האט אים געענפערט, ווייל זייער אסאך מענטשן זענען זיך טועה אין דעם, זיי פרעגן די קשיא: "ווי איז שייך צו זאגן אז איך האב א בחירה, ווען איך קען מיר נישט אפשיידן פון מיין געוואוינהייט וואס איך האב זיך צוגעוואוינט צו טון?" דערפאר מיינען זיי אז עס איז טאקע אוממעגליך

ארויסצוקריכן פון דעם, אבער באמת איז נישט אזוי, נאר יעדער מענטש האט שטענדיג א בחירה און קען אויפהערן טון שלעכטע מעשים.

לייג זיך אריין אין אמונה וועסטו זיך קענען מתגבר זיין אויף דיין יצר הרע. ווען א מענטש לעבט מיט אמונה ער ווייסט אז עס איז (ישעיהו ו, ג): "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דער אייבערשטער איז איבעראל; דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים וועט ער זיך היטן די אויגן, און אז מען האט ריינע אויגן מען קוקט נישט קיין זאכן וואס דער אייבערשטער לאזט נישט קוקן ווערט מען אפגעהיטן פון פגם הברית און אזוי האט מען א ריינעם דיבור.

זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - זאג די ווערטער פון די גמרא, דאס וועט דיר העלפן זיך מתגבר זיין אויף די קליפה וואס איז מכשיל דעם מענטש אין פגם הברית. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תלמוד באטרעפט די זעלבע ווי די נאמען פון די קליפה וואס מאכט א מענטש זינדיגן אין פגם הברית; דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**וואס טו איך אז דאס פארן אויף אומאן קען זיין שווער פאר מיין ווייב?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א פרישער מקורב, און איך וויל זיך באדאנקען פאר די שיינע דרשות און שיעורים וואס האבן געמאכט אויף מיר א געוואלדיגער שינוי לטובה, איך האב ב"ה יעצט געמאכט א סיום אויף ששה סדרי משנה צום ערשטן מאל.

איך וויל שוין מאכן א טיקעט אויף אומאן, מיין ווייב איז אבער נערוועז ווייל זי דארף האבן וכו' א וואך פאר ראש השנה, אויב וועל איך אבער ווארטן ביז דעמאלט, וועט עס קאסטן פיל טייערער. אפשר זאל איך מאכן א טיקעט שטילערהייט אן דעם וואס זי זאל אפילו וויסן דערפון?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס.

יואל

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד יואל נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו פאררופסט זיך "א פרישער מקורב", דאס זעט מען שוין פון דיין שאלה; זעט אויס אז דו ווייסט נישט אז ביים רבי'ן איז געווען א יסוד היסודות שלום בית. ווייל אז מען האט שלום בית האט מען א ריינע קאפ, און אויב איז פארקערט חס ושלום, מען האט נישט קיין שלום בית - דאן איז זייער ביטער; מען איז פול מיט שלעכטע מחשבות. דערפאר האט דער רבי זייער מקפיד געווען מען זאל מכבד זיין די ווייב און איר האלטן חשוב און טייער (עיין שיחות הר"ן, סימן רסד).

דער רבי האט זייער מקפיד געווען אז מען זאל האבן שלום בית, אזוי ווייט, אז אמאל איז דער רבי געזעצן ביים טיש מיט זיינע תלמידים, אינמיטן האט זיך דער רבי אנגערופן: "וִוי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת?!" און דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט, ער איז אריין אין זיין צימער און מער נישט געוואלט זיצן ביים טיש. ווען דער אינגערמאן - אויף וועם דער רבי האט זיך באצויגן - האט געזען ווי דער רבי גייט אריין אין צימער האט ער זיך אויפגעשטעלט, ער איז צוגעגאנגען צום רבינ'ס צימער און אנגעהויבן זייער צו וויינען און זיך איינגעבעטן ביים רבי'ן אז דאס גייט מער נישט פאסירן, ביז דער רבי איז צוריק ארויסגעקומען און ווייטער ממשיך געווען מיטן זאגן תורה.

וואס איז געווען די מעשה מיט דעם אינגערמאן? מוהרא"ש פלעגט דערציילן, אז דער אינגערמאן האט זיך אביסל צעאמפערט מיט זיין ווייב בעפאר ער איז געקומען צום רבי'ן, און דער רבי האט שוין נישט געוואלט זיצן מיט אים ביי איין טיש; אזוי שטארק האט דער רבי מקפיד געווען מען זאל האבן שלום בית, ווייל אז מען קריגט זיך אין שטוב האט מען נישט קיין מח, און אז מען האט נישט קיין מח איז מען נישט קיין מענטש, וואס דאס ברענגט אז מען זאל אראפפאלן אין א טיפע גרוב רחמנא לצלן.

אז דיין ווייב ווארט וכו' און זי דארף האבן וכו' א וואך פאר ראש השנה, זאלסטו נישט קויפן יעצט א טיקעט אפילו עס איז ביליגער, ווייל אפשר וועסטו נישט קענען קומען דאס יאר קיין אומאן אויף ראש השנה, אפשר וועט זיך דאס אריין שלעפן וכו'; ענדערש זאלסטו צו ווארטן און דעמאלט זאלסטו זען צי עס איז שייך בכלל אז דו זאלסט קומען דאס יאר. אזוי ווי שבת אז מען דארף האבן וכו' איז די הלכה אז דער מאן מעג מיט גיין וכו' און עס איז נישט דא ביי דעם קיין חילול שבת, ווייל דאס איז אן ענין פון פיקוח נפש וואס איז דוחה שבת, אזוי איז אויך ווען עס קומט ראש השנה און מען דארף האבן ראש השנה איז עס דוחה דאס פארן קיין אומאן.

וואס דאגה'סטו יעצט אויף ראש השנה? דו האסט נאך אסאך צייט ביז ראש השנה, און מיט תפילה קענסטו נאך זיין היי יאר ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן; זיי מתפלל אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב און אז דו זאלסט נאך קענען אנקומען צום רבי'ן.

פאלג מיר, גיי נישט אונטערן ריקן פון דיין ווייב; זיי נישט קיין אויבער חכם און טו נישט קיין ווילדע זאכן וואס וועט גורם זיין נאכדעם אז דו וועסט אלעס אפלאזן, פון רבוי אור ווערט נאכדעם שבירת הכלים וכו'. קויף א טיקעט נאר אויב דיין ווייב איז מסכים, און אלעס וואס דו טוסט זאלסטו טון מיט איר צוזאמען. פאר מען האט חתונה דארף מען קיינעם נישט פרעגן וואס ווען און וואו, אבער אז מען האט חתונה געהאט איז די לעבן ווי א שותפות; נישט דא קיין סודות און נישט דא קיין אויסשפילן; די אלע וואס שפילן אויס די ווייב בלייבן נאכדעם אליינס אויסגעשפילט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דיין התקרבות צום רבי'ן זאל זיין מיט אן אמת, און אז דו וועסט פאלגן דעם רבי'ן וועט דיר גוט זיין אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

...

~~~~~~~~~~

## ווי אזוי קען איך האבן א פרייליכע יום טוב, ווען מיין מאן פארט קיין אומאן אויף ראש השנה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך ווייס אז דער ראש ישיבה גייט יעצט אנהויבן צו רעדן איבער די גרויסקייט פון פארן קיין אומאן אויף ראש ישיבה, וואס זאל איך אבער טון אז איך ווער ממש קראנק ווען איך טראכט נאר אז מיין מאן גייט מיר איבערלאזן אויף ראש השנה.

איך האב נישט וואו צו גיין אויף יום טוב, איך האב נישט קיין קרובים אדער חבר'טעס וואס זייערע מענער פארן קיין אומאן. און ביי מיינע עלטערן איז א באזונדערע מעשה, מיין מאמע היט ליידער נישט קיין שבת ויום טוב, און מיין טאטע יא, איר קענט זיך גארנישט פארשטעלן וואס ס'גייט פאר ביי מיינע עלטערן אין שטוב ביי א יום טוב'דיגע סעודה. ביז יעצט בין איך סיי ווי אהינגעגאנגען, אבער יעצט אז מיין קינד שוין עלטער, און ער פארשטייט שוין, קען איך אים נישט צולאזן דאס מיטצוהאלטן. איז מיין איינציגסטע ברירה צו בלייבן אליין אינדערהיים, און פארשטייט זיך אליין אז דאס וועט מיר נישט זיין קיין שמחת יום טוב.

איך האף אז איר וועט מיר קענען ארויסהעלפן, איך זאל נישט דארפן צוריק האלטן מיין מאן פון פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה.

יישר כח.
~~~~~~~~~~

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואויל איז אייך אז איר גייט אין די וועגן פון די הייליגע תורה און איר געבט אכטונג אויף אייערע קינדער זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע אידן; איר טוט זייער גוט אז איר האלט זיך צוריק פון צו גיין צו אייערע עלטערן אז אייערע קינדער זאלן נישט זען ווי די באבע היט נישט קיין שבת.

בנוגע אז איר ווילט נישט בלייבן אליינס ראש השנה וכו'; ערשטנס דארפט איר נישט בלייבן אליין, עס איז דא נאך פרויען וואס וואלטן זיך געפריידט צו האבן נאך א פרוי מיט זיך דורכאויס ראש השנה (איר קענט זיך פארבינדן אין אפיס פון די קהלה, מען וועט אייך העלפן מיט דעם פרט).

צווייטנס דארפט איר וויסן אז דער רבי האט אונז געגעבן א מתנה וואס הייסט "התבודדות"; א מענטש זאל זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן אויף זיין אייגענע שפראך, דעריבער זעט צו מתפלל זיין אז אייער מאמע תחי' זאל תשובה טון, עס זאל אריין גיין אין איר א רוח טהרה זי זאל זיך צוריק קערן צום אייבערשטן; פון יעצט ביז ראש השנה זאלט איר מתפלל זיין אז זי זאל תשובה טון, אזוי וועט איר קענען גיין מיט אייערע קינדער צו איר.

דריטנס וויל איך אייך פרעגן, ווען עס וואלט געווארט אויף אייער מאן א שווערע משפט חס ושלום, וואלט ער זיכער ארום געלאפן צו די גרעסטע לויערס זיי בעטן אז זיי זאלן עפעס טון פאר אים, זיי זאלן אים ראטעווען, ער וואלט נישט געקוקט אויף גארנישט אין דער וועלט, גארנישט וואלט אים געקענט אפהאלטן פון פארן צום גרעסטן לויער; איר וואלט אים זיכער געזאגט: "פאר וואו דו ווילסט, צו וועם דו ווילסט, אבי דו זאלסט זיך קענען ראטעווען", ווער רעדט נאך אויב עס וואלט געווארט אויף אים טויט שטראף רחמנא לצלן, דעמאלט וואלט דאך א מענטש געטון אלעס אויף דער וועלט צו ווערן געראטעוועט.

יעצט פרעג איך אייך, עס ווארט אויף אונז אלע א גרויסן משפט, ראש השנה גייט מען אונז אלע משפט'ן; מען זאגט ביים דאווענען: "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם וכו' וכו'"; אלע שרעקליכע טראגעדיעס וואס מען הערט א גאנץ יאר השם ישמרינו - אלעס ווערט אנגעשריבן ראש השנה, יעדן טאג ווערן אוועקגעריסן יונגע מענטשן, מענער און פרויען; יונגע קינדער בלייבן אן עלטערן ה' ירחם, אלע שפיטעלער

זענען אנגעפילט מיט אידישע קינדער השם ירחם; איז דא א רבי וואס האט צוגעזאגט אז ראש השנה קען ער יעדן איינעם העלפן, ער קען אונז אלע מתקן זיין, ער האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תה): "שֶׁעוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אפילו מענטשן וואס דער רבי קען א גאנץ יאר נישט העלפן, אבער ראש השנה קען ער יעדן פארעכטן; איז דאך זיכער אז א מענטש מיט שכל קוקט נישט אויף קיינעם, ער כאפט זיינע פעקלעך און לויפט זיך ראטעווען.

דעריבער דארפט איר זיך פרייען אז אייער מאן פארט פועל'ן ראש השנה ביים רבי'ן א גוט יאר; ער וועט אייך אהיים ברענגען ישועות אין אלע אייערע ענינים.

מיט תפילה וועט איר צוריק ברענגען אייער מאמע'ן צום אייבערשטן; תפילה איז זייער א שטארקע זאך, און וואס מען קען פועל'ן מיט תפילה קען מען נישט באקומען דורך קיין שום אנדערע וועג.

איר זאלט האבן א געזונטן זומער.

...

~~~~~~~~~~

## א מלמד וואס האט נסיונות, מעג דען זיין א מלמד?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געליינט דעם בריוו וואס איר ענטפערט פאר א מלמד וואס מוטשעט זיך מיט שווערע נסיונות, און ער האט מורא צו זיין א מלמד, און איר זאגט אים אז ער זאל ווייטער בלייבן ביי די מלומדות. דאס האט מיר זייער געשטערט, וועלכע עלטערן וואלטן דען געוואלט שיקן זייערע קינדער צו א מלמד וואס פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין?

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אפשר האסטו נישט פארשטאנען די שאלה וואס יענער מלמד שרייבט; דא רעדט מען נישט פון א מלמד וואס איז א קראנקער מענטש, וואס נעמט קינדער און טוט מיט זיי עבירות. אזא איינער - נישט נאר ער טאר נישט זיין א מלמד, ער טאר בכלל נישט זיין אויף דער פריי; א מענטש וואס לאקערט אויף קינדער וכו' דארף מען מסרס זיין און איינשפארן אין תפיסה און דארט זאל ער אויסגיין. אויף דעם איז נישט דא קיין שום רחמנות, פארקערט, אויף דעם זאגן חכמינו זכרונם לברכה (מדרש שמואל יח, ד): "כָּל שֶׁהוּא
~~~~~~~~~~

רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים, לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", ווער עס האט רחמנות אויף אכזרים וועט צום סוף ווערן אן אכזר אויף ווער מען דארף רחמנות האבן; ווייל די קינדער וואס פאלן א קרבן פאר די מניוולים ווערן בעלי מומין אויף א גאנץ לעבן רחמנא לצלן.

דא רעדט מען א מלמד וואס מוטשעט זיך אליינס מיט זיינע נסיונות, און ווער מוטשעט זיך נישט... שלמה המלך זאגט (משלי כ, ט): "מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי, טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", ווער קען זאגן אז ער איז ריין פון עבירות? אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן לט): "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל"; אלע דארפן מיר תשובה טון.

איז דאס אליינס אז ער פרעגט און וויל זיין גוט - ווייזט אז ער קען זיין א מלמד. אזוי ווי עס איז געווען א מעשה ביים רבי'ן, אז א שוחט איז געקומען צום הייליגן רבי'ן, ער האט געזאגט פארן רבי'ן: "איך האב מורא צו זיין א שוחט", האט אים דער רבי געענטפערט: "ווער דען זאל זיין א שוחט, דער וואס ציטערט נישט?!"

דאס זעלבע איז געווען ביי רבי נתן; ער האט געפרעגט דעם רבי'ן אז מען טראגט אים אן א רבנות שטעלע, אבער ער האט מורא אז אפשר וועט ער פסק'נען נישט ווי מען דארף, האט אים דער רבי געזאגט די זעלבע זאך: "ווער דען זאל זיין א רב, דער וואס האט נישט מורא?!"

דער עיקר דארף מען נעמען מלמדים וואס האבן ריינע השקפות, זיי גלייבן אינעם אייבערשטן, זיי גלייבן אין יעדעס ווארט וואס די הייליגע חכמים זאגן אונז און גלייבן אין צדיקים פון פריערדיגע דורות; אז מען זעט א מלמד מאכט ליצנות פון ערליכע אידן, אזא איינער איז סם המות פאר קינדער, ווייל ער קען זיי פאר'סמ'ען רחמנא לצלן אויף אייביג.

אזוי אויך א מלמד וואס איז א כעסן אדער ער איז א מכנה שם לחבירו - אזא איינער טאר נישט זיין קיין מלמד, ווייל ער קען רחמנא לצלן אפ'הרג'נען גאנצע דורות מיטן שפעטן פון א קינד, אדער פון געבן א צי נאמען פאר א קינד, וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא נח:): "הַמְכַנֶּה שֵׁם לַחֲבֵירוֹ אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", ווער עס געבט א צונאמען פאר א צווייטן וועט נישט האבן קיין חלק אין עולם הבא; ווער רעדט נאך אז דער מלמד איז א כעסן און הייבט הענט, קען ער דאך שעדיגן דעם קינד בגוף ובנפש פאר זיין גאנץ לעבן.

אז מען וויל האבן ערליכע מלמדים דארף מען טון די עצה וואס דער רבי האט אונז געגעבן; דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות דרך, חלק ב', סימן א): "עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים גּוֹרְמִין שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁלּוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה", אז מען איז זיך מתוודה צום אייבערשטן, געבט דער אייבערשטער גוטע און ערליכע מלמדים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן האבן גוטע מלמדים פאר אונזערע קינדער און זען פון זיי אסאך נחת, אמן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען איך מתקן זיין די עבירה פון חילול שבת?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

פאר א צייט פון איינס און א האלב יאר האב איך מחלל שבת געווען במזיד רחמנא ליצלן, מתוך רוח שטות. לעצטנס פיל איך נישט אזוי גוט, אויך מיין פרנסה גייט מיר נישט, און איך בין זיכער אז דאס איז וועגן חילול שבת, און איך וויל תשובה טון און דאס מתקן זיין.

איך האב זיך מחזק געווען מיט מיין שיעור אין הלכות שבת, אבער איך מיין אז דאס איז נישט גענוג, די גאנצע צייט זאג איך זיך אליין דעם פסוק "מחלליה מות יומת", און איך ווער נאך מער דערשראקן.

וואס קען איך טון דאס מתקן צו זיין?

מנחם

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת נשא, ט׳ סיון, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מנחם נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

די תורה זאגט (שמות לא, יד): ״מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת״, ווער עס איז מחלל שבת דארף מען פארשטיינערן; אבער דאס איז נאר אז דער מענטש טוט נישט קיין תשובה, אויב אבער דער מענטש טוט תשובה אז אים דער אייבערשטער מוחל און ער באקומט נישט דעם עונש.

דער רמב״ם שרייבט (פרק א מהלכות תשובה, הלכה א): יעדע מצוה אין די תורה, סיי א מצות עשה סיי א מצות לא תעשה, אויב מען האט עובר געווען אויף איינע פון די מצוות, סיי בשוגג סיי במזיד; ווען מען טוט תשובה, דארף מען זיך מתוודה זיין צום אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין די תורה (במדבר ה, ז): ״וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ״; ווי אזוי איז מען זיך מתודה? זאגט דער רמב״ם, מען זאל אזוי זאגן: ״אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה״, איך בעט דיר אייבערשטער, איך האב געזינדיגט פאר דיר, איך האב געטון די און די עבירה, אבער איך האב חרטה אויף וואס איך האב געטון, איך שעם זיך מיט מיינע מעשים וואס איך האב געטון און איך נעם זיך פאר אז איך גיי עס מער קיינמאל נישט
~~~~~~~~~~

טון; דאס איז וידוי, און דער רמב"ם פירט אויס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", ווער עס פארמערט זיך מתוודה צו זיין פארן אייבערשטן, דער איז געלויבט.

וויסן זאלסטו אז ווען א מענטש טוט תשובה איז אים דער אייבערשטער מוחל אויף וואס ער האט געטון, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תורת כהנים, בחוקותי): דער אייבערשטער זאגט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", ווען א מענטש איז זיך מתוודה אויף זיינע עבירות בין איך אים גלייך מוחל און איך פיר זיך מיט אים מיט רחמנות.

ווען א מענטש טוט תשובה מעקט דער אייבערשטער אויס זיינע זינד. דער פראבלעם איז אז דער מענטש גלייבט נאר אינעם זינד, אבער ווען עס קומט צו תשובה גלייבט ער נישט אז ער קען אויך תשובה טון. אבער באמת דארף מען גלייבן אז מען קען אויף אלעס תשובה טון, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב׳, סימן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אויב דו גלייבסט אז דו קענסט טון שלעכטס, גלייב אויך אז דו קענסט פארעכטן; מען דארף גלייבן אין דעם, מען דארף וויסן אז דער אייבערשטער נעמט אן אונזער תשובה און ערווארט אז מיר זאלן זיך צוריקקערן צו אים.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קיח:): "אָמַר רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ", ווער עס היט שבת איז אים דער אייבערשטער מוחל אויף אלע זיינע עבירות, אפילו ער איז זייער זינדיג און ער האט געדינט עבודה זרה רחמנא לצלן; זעט מען פון דעם ווי גרויס די שכר איז ווען א מענטש איז זוכה און ער היט אפ דעם הייליגן שבת.

אז דו וועסט היטן שבת וועסטו זוכה זיין צו פרנסה בריווח, אויך וועסטו האבן א רפואה שלימה, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות שבת, חלק ב׳, סימן א): "הַשַּׁבָּת נוֹתֶנֶת חַיִּים גַּשְׁמִיִּים גַּם כֵּן", אז מען היט שבת באקומט מען לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט תשובה טון און צוריק אנהייבן היטן שבת וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~~

**איז טאקע דער "סדר דרך הלימוד", פשוט צו זאגן די ווערטער אן פארשטיין?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,
~~~~~~~~~~~

איך האב אסאך געהערט פון אייך איבער דעם סדר דרך הלימוד צו זאגן תורה אפילו ווען מ'פארשטייט נישט. איך האב נאכגעקוקט אין די פוסקים האב איך געזען אז מען איז נישט יוצא לימוד התורה אן פארשטיין נאר ביי תורה שבכתב און נישט ביי תורה שבעל פה, איך קען אבער פארשטיין אז צדיקים קענען זאגן און מכריע זיין אנדערש ווי ס'איז אנגענומען, ווען איך האב אבער נאכגעקוקט אינעווייניג אין שיחות הר"ן (סימן ע"ו) האב איך פארשטאנען פון דארט אז מ'דארף יא פארשטיין כאטש די פשוטע פירוש המילות, אזוי ווי ס'שטייט דארט דער לשון, "רק יראה להבין הדבר בפשיטות במקומו", איך בין זיכער אז ס'איז דא עפעס א הסבר אויף דעם, און איך האף אז איר וועט מיר דאס קענען ערקלערן.

א גרויסן יישר כח, אברהם יהושע העשיל

**תשובה:**

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת נשא, ט' סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד אברהם יהושע העשיל נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן עד): "יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה", כדי מען זאל זוכה זיין צו פארשטיין וואס מען לערנט דארף מען קודם אסאך זאגן די ווערטער אפילו אן פארשטיין, "וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה'", ווייל פאר מען קומט אן צו פארשטיין וואס מען לערנט - וואס דאס איז 'שמחת תורה' - דארף מען אריבער גיין דעם שטאפל פון 'הושענא רבא'. "כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵּעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לִשְׂפָתַיִם", ערבות זעט אויס ווי די ליפן, דאס לערנט אונז אז קודם דארף מען נוצן די ליפן, מען דארף אסאך זאגן די ווערטער פון די תורה אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט.

דער רבי ברענגט דארט אראפ דעם זוהר הקדוש (קדושים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", ווער עס וויל לערנען די הייליגע תורה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", און ער האט נישט ווער עס זאל אים אויסלערנען און געבן צו פארשטיין וואס ער לערנט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע", אבער וויבאלד ער האט ליב צו לערנען, לערנט ער אן פארשטיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְקָא", זאל ער וויסן אז יעדעס ווארט תורה וואס ער לערנט אן פארשטיין גייט ארויף אויבן אין הימל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חַדֵּי בְּהַהִיא מִלָּה", און דער אייבערשטער פריידט זיך מיט דעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דער אייבערשטער נעמט די ווערטער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", און ער פלאנצט איין די ווערטער אויבן אין הימל ארום א טייך, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין" און עס ווערט פון די ווערטער גרויסעביימער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וואס מען רופט זיי אן 'ערבות', "הֲדָא הוּא דִּכְתִיב (משלי ה, יט): בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד"; דאס איז דער וועג ווי אזוי מען איז זוכה צוצוקומען צו פארשטיין דאס לערנען.

קיינער קריגט זיך נישט מיט דעם אז דער עיקר איז מען זאל פארשטיין וואס מען לערנט, אבער דער מציאות איז אז זייער אסאך מענטשן לערנען נישט צוליב דעם ווייל אין אנהייב ווען זיי הייבן אן לערנען פארשטייען זיי נישט וואס זיי לערנען, דורכדעם ווערן זיי מיואש און לאזן איגנאנצן אפ דאס לערנען, דעריבער האט דער רבי געגעבן א "סדר דרך הלימוד", א גרינגע זיסע וועג צו לערנען די הייליגע תורה, אז אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט זאל מען ווייטער לערנען ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין.

עס איז כדי דו זאלסט אריין קוקן וואס דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עס איז גוט מען זאל זיך צוגעוואוינען צו לערנען שנעל און נישט מדקדק זיין צופיל בשעת מען לערנט, נאר זען צו פארשטיין דעם פשטות הפשט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", און אויב מען פארשטייט נישט זאל מען נישט פארברענגען אסאך צייט אויף דעם ענין, ענדערש זאל מען גיין ווייטער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", און אז מען לערנט אסאך וועט מען שפעטער פארשטיין וואס מען האט פריער נישט אזוי גוט פארשטאנען.

נאכדעם ברענגט רבי נתן אז דער רבי האט געזאגט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אפילו מען פארשטייט גארנישט זאל מען זאגן די ווערטער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און ביים סוף וועט מען פארשטיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מען זאל נישט ווערן צעבראכן ווען מען זעט אז מען פארשטייט נישט וואס מען לערנט, וואס דאס אליינס - אז מען וויל גלייך פארשטיין - מאכט אז עס זאל זיין שווער צו פארשטיין דאס לערנען, מען זאל נאר זאגן די ווערטער כסדרן און מען וועט שוין פון זיך אליינס פארשטיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אויב מען פארשטייט נישט דעם ערשטן מאל, וועט מען עס פארשטיין ביים צווייטן מאל; און אויב מען וועט נישט פארשטיין דעם צווייטן מאל איז אויך גארנישט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", ווייל חכמינו זכרונם לברכה זאגן, אז א מענטש זאל קודם אסאך זאגן די ווערטער פון די הייליגע

תורה, אפילו ער פארשטייט נישט וואס ער לערנט, און דערנאך זאל ער לערנען צו פארשטיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וכו'", ווייל אז מען געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעל, קען מען זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך; מען איז זוכה איבערצוגיין יעדע זאך זייער אסאך מאל, ביז מען איז זוכה דאס צו פארשטיין.

רבי נתן זאגט דארט ווייטער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דער רבי האט זייער אסאך גערעדט פונעם דרך הלימוד, אז מען זאל נישט זוכן צו פארשטיין גלייך ווען מען לערנט, נאר מען זאל לערנען אסאך אן פארשטיין, ביז מען וועט זוכה זיין צו פארשטיין; ווען מען לערנט אויף דעם סדר דרך הלימוד איז מען זוכה אנצוקומען אסאך מער ווי ווען מען לערנט שטייט און מען קלערט אריין אין יעדע ווארט, וואס דאס שטערט נאר דאס לערנען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", און זייער אסאך מענטשן האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו לערנען צוליב דעם וואס זיי האבן געלערנט און געקוועטשט וכו'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אבער אז א מענטש געוואוינט זיך צו צו לערנען שנעלערהייט - אזוי ווי אויבן דערמאנט, וועט ער זוכה זיין צו לערנען זייער אסאך, און ער וועט לערנען די גאנצע תורה - גמרא מיט אלע פוסקים, תנ"ך מיט אלע מדרשים, און זוהר הקדוש, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אזוי ווי דער רבי האט געוואלט אז מיר זאלן דורך לערנען כל התורה כולה. עיי"ש.

דער דרך הלימוד איז א דרך הלימוד פאר יעדן איינעם מקטן ועד גדול - פונעם שוואכסטן קאפ ביזן טיפסטן קאפ; דער וואס פארשטייט לערנען פאר אים זאגט דער רבי: "רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ. וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", און פאר דעם וואס ווייסט גארנישט, ניטאמאל די פירוש המילות, פאר אים זאגט דער רבי: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד,

רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", דער רבי וויל איין זאך "מען זאל נישט אויפהערן לערנען, צוליב דעם אז מען וויל בעססער לערנען".

וואס זאל איך דיר זאגן טייערער ברודער, אז דו וועסט אוועק לייגן אלע דיינע חכמות און אנעמען דעם רבינ'ס "סדר דרך הלימוד", וועסטו זוכה זיין צו מטייל זיין בכל התורה כולה און דו וועסט האבן אנגעפילטע טעג; יעדן טאג וועט דיר זיין אנגעפילט מיט תורה, און צום סוף וועסטו זוכה זיין צו פארשטיין נאך מער ווי די וואס לאכן אפ פונעם סדר דרך הלימוד וכו'.

מוהרא"ש זכרונו לברכה שרייבט אין די צוואה (אות יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיָּוְכְחוּ צִדְקַת "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד" שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", ווען איר וועט ארויף קומען אויף יענע וועלט וועט איר זיך איבערצייגן די ווארהייט פונעם הייליגן רבינ'ס "סדר דרך הלימוד"; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתִרְגְּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דעריבער זאלט איר זיך נישט טענה'ן מיט קיינעם, נאר געוואוינט אייך צו צו לערנען לויט דעם סדר דרך הלימוד, דעמאלט וועט איר זען און שפירן אלע טעמים אויף די וועלט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", ווייל די תורה איז אונזער לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, די תורה געבט אונז לעבן סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואויל איז דעם מענטש וואס לאזט זיך נישט נארן און ווייסט אז דער עיקר לימוד התורה איז צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטן, עיין שם.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## וויפיל איז דער שיעור פון "קדש עצמך במותר לך"?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א אינגערמאן, מיט א גוטע שלום בית ב"ה, איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם ענין פון "קדש עצמך במותר לך", וויפיל איז דער שיעור? און ווי ווייט גייט עס אז מ'דארף זיך הייליגן?

איך וועל זייער דאנקבאר זיין אויב דער ראש ישיבה שליט"א וועט מיר דאס קענען אויסקלארן.

יישר כח

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת נשא, י"א סיון, שנת תשע"ח לפרט קטן
~~~~~~~~~~~

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

אין ברסלב איז געווען זייער א גרויסער צדיק הרב הקדוש רבי אברהם בן רבי נחמן מטולטשין זכרונו לברכה (בעל מחבר ספר "באור הלקוטים"). ער איז געווען זייער א גרויסער מענטש; ער פאר זיך איז געווען גענצליך מובדל ומופרש פון די וועלט, מיט דעם אלעמען ווען מען פלעגט אים בעטן הדרכות של בינו לבינה וכו', פלעגט ער שטענדיג זאגן: "קִינְדֶערְלֶעך, הִיט אַייך פוּן כְּרִיתוּת"; דאס הייסט מען זאל זיך אכטונג געבן אין הלכות טהרה, מען זאל חזר'ן הלכות נדה צו וויסן נישט נכשל צו ווערן אין קיין שום הלכה, אבער ווען מען מעג, מעג מען אלעס וכו', און מען זאל זיך נישט מבלבל זיין פון קיין שום זאך אויף דער וועלט.

וויסן זאלסטו אז מיר לעבן היינט אין א דור פון הפקירות און פריצות, די גאס איז אויסגעלאסן מיט די עקעלדיגסטע אויסגעלאסענסטע עבירות רחמנא לצלן און עס איז נישט מעגליך מען זאל נישט דורך פאלן מיט עבירות רחמנא לצלן, אבער אז מען האט חתונה - דאס ראטעוועט דעם מענטש פון שלעכטע מחשבות און פון עבירות, ווייל אז מען האט 'פַּת בְּסַלּוֹ', מען האט א ווייב - דאן זוכט מען נישט קיין עבירות.

וואס טוט דער יצר הרע? ער וויל דאך אראפ ווארפן דעם מענטש; איז ער זיך מתלבש אין מצוות און רעדט איין דעם מענטש ער זאל זיין אפגעשיידט אין שטוב וכו', אזוי וועט ער גיין זוכן שמוץ.

דאס זאלסטו גוט וויסן: "פרישות איז מעשה בעל דבר"; ווייל ווען א מענטש האט חתונה היט אים זיין ווייב אפ פון עבירות, און די אלע מחשבות וואס דער מענטש האט צו זיין א פרוש - דאס איז מעשה בעל דבר אים אריין צו כאפן אין א פאסטקע און אים מכשיל זיין מיט עבירות.

דאס וואס דו פרעגסט וואס טוט מען מיט דאס וואס חכמינו הקדושים זאגן (ספרי דברים, סימן קא) אויפן פסוק (דברים יד, כא): "כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה" - "קַדֵּשׁ אֶת עַצְמְךָ בַּמּוּתָּר לָךְ"; אדרבה, דאס מיינט מען צו זאגן אז מען זאל זיך הייליגן און זיך "נישט" אפשיידן, אזוי וועט מען זיין הייליג און נישט צו קומען צו קיין ביטערע עבירות, אזוי ווי דער הייליגער צדיק רבי נתן זכרונו לברכה זאגט (ליקוטי הלכות יום הכיפורים, הלכה א, אות א): "ווער עס האט נישט חתונה איז פגום בברית".

דערפאר האט דער הייליגער רבי זייער מקפיד געווען מען זאל חתונה האבן; דער רבי האט נישט געלאזט בחורים קומען צו אים, אויב א בחור איז געקומען צום רבי'ן, האט ער אים געזאגט: "גֵיי אַהֵיים און קום צוּרִיק צוּ מִיר מִיט אַ טַלִּית", דאס מיינט ווען

דו וועסט חתונה האבן - וואס דעמאלט טוט מען אן א טלית - זאלסטו צוריק קומען צו מיר.

ווייל נאר אזוי קען מען זיין אפגעהיטן פון עבירות; בפרט אין אונזער דור וואס איז ערגער פון דור המבול - איז נישט דא קיין אנדערע וועג צו זיין הייליג, נאר אז מען לעבט מיט א ווייב אן קיין פרישות. אז מען לעבט אין שטוב אן פרישות איז מען זוכה צו א ריינע מח-מחשבה און מען איז אפגעהיטן פון אלעם שלעכטס, מה שאין כן אויב מען איז זיך פורש וכו׳ קען מען אראפפאלן אין נישט גוטע זאכן.

איך האף אז דו וועסט ארויס נעמען פון דעם בריוו הנהגות ווי אזוי זיך צו פירן; עס איז נישט שייך מאריך צו זיין אין דעם ענין וכו׳, אבער איין זאך זאלסטו געדענקען, דאס וואס רבי אברהם בן רבי נחמן פלעגט זאגן: ״קִינְדֶערְלֶעך, הִיט אַייך פוּן כְּרִיתוּת״, ווען מען מעג - מעג מען אלעס וכו׳ און ווען מען טאר נישט - טאר מען גארנישט וכו׳.

אנטלויף פון די אלע פאלשע מדריכים וואס לערנען אויס פאר חתנים און כלות חומרות, ווייל אלע וואס פאלן אראפ אין עבירות איז דאס נאר ווייל מען האט זיי געלערנט די פאלשע לימודים פון פרישות וכו׳, דערפאר גייען זיי זוכן שמוץ.

א שאד אז מען לערנט דאס נישט מיט חתנים און כלות; אנשטאט צו לערנען מיט חתנים און כלות די הלכות אזוי ווי עס דארף צו זיין, ווי אזוי צו לעבן מיט ליבשאפט וכו׳, לערנט מען מיט זיי אלע סארט דמיונות, שטותים און נארישע חומרות וואס דאס איז גורם אזוי פיל גט׳ן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~